גליון 184
צו - פרה תשפ"ד



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

### לֶעכֶעריגֶע פֶּעסֶער

**עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעדִינְגֶען מֶענְטְשְׁן אִין זַיין פַאבְּרִיק זֵיי זָאלְן אָנְפִילְן פֶּעסֶער,** דִי פֶּעסֶער זֶענֶען גֶעוֶוען לֶעכֶערִיג, וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן אִין דִי פֶּעסֶער אִיז אַלֶעס אַרוֹיסְגֶערִינֶען אִינְדְרוֹיסְן...

צְווִישְׁן דִי אַרְבֶּעטֶער זֶענֶען גֶעוֶוען טִפְּשִׁים, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַלֶעס וָואס מִיר גִיסְן אַרַיין אִין פֶּעסֶער רִינְט אַרוֹיס, וָואס הָאבְּן מִיר זִיךְ צוּ פְּלָאגְן אוּן אַרַיינְגִיסְן, עֶס גִיסְט זִיךְ סַיי וִוי אוֹיס?" אָבֶּער דִי קְלוּגֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן אַז עֶס גִיסְט זִיךְ אַלֶעס אוֹיס, אִיךְ בַּאקוּם בַּאצָאלְט אוֹיפְן טָאג, מַיין טֶעגְלִיכֶע גֶעהַאלְט בַּאקוּם אִיךְ, אִיךְ בִּין אָפְּגֶעדִינְגֶען אוֹיפְן טָאג, עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן אַז עֶס גִיסְט זִיךְ אַרוֹיס (ויקרא רבה י"ט אות ב').

קִינְדֶער, דָאס אִיז אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מָשָׁל, הַא? וִויאַזוֹי וָואלְטְן מִיר גֶעטְרַאכְט זַייעֶנְדִיג אִין אַזַא פַאבְּרִיק?

**דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דֶעם מָשָׁל אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ פַארְגֶעסְט אַלֶעס וֶועט צוּם סוֹף דַיין שְׂכַר וֶוערְן בַּאצָאלְט פַאר יֶעדְן טָאג וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אָנְגֶעפְּלָאגְט.**

**דֶער רֶבִּי לֵייגְט אוֹיךְ צוּ, אַז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט שׂוֹין נִפְטַר וֶועט מֶען אִים אוֹיבְן דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, אֲפִילוּ עֶר הָאט עֶס שׂוֹין פַארְגֶעסְן. אַזוֹי אוֹיךְ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הֶערְן תּוֹרָה פוּנֶעם אֶמֶת'ן צַדִיק אוּן פַארְשְׁטֵיין עֶס נִישְׁט, וֶועלְן זֵיי אִין עוֹלָם הַבָּא עֶס פַארְשְׁטֵיין.**

**וַוייל דֶער עִיקָר תּוֹרָה וָואס מִיר לֶערְנֶען אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה, אִין עוֹלָם הַבָּא וֶועלְן דִי נְשָׁמוֹת זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען אוּן גוּט פַארְשְׁטֵיין אוּן מַשִׂיג זַיין דִי תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אָדֶער גֶעהֶערְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.**

**דִי סְפָרִים זָאגְט טַאקֶע אַז דֶערְפַאר אִיז פַארְהַאן שִׁכְחָה אַז דִי תּוֹרָה זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין בַּאלִיבְּט אוֹיף דִי וֶועלְכֶע לֶערְנֶען אִיר אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט עֶס צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט עֶס אִיבֶּער נָאכְן פַארְגֶעסְן, אִיז עֶס וִוי נַיי אוּן בַּאלִיבְּט. (קהלת רבה א' אות ל"ד)**

**וואוֹיל אִיז דֶער וָואס פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג מִיט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה.**

(שיחות הר"ן כ"ו)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י' - פוּן דֶער בֶּערְגִיר מִיטְן אָרִימַאן (4)

**אוּן דִי קֵייסֶרְטֶע**. קָאן אוֹיךְ גָאר נִיט טָאן אַקֶעגְן קֵיסֶר. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען צוּ דִי מְמוּנִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְמוּנֶה גִיוֶוען (גִיזֶעצְט גִיוֶוען) אִים אַרַיין צוּ וַוארְפִין אִין יַם אַרַיין אוּן זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּ זֵיי אוּן אִיז זֵיי גִיפַאלְין צוּ דִי פִּיס. אוּן זִי הָאט זֵיי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אַז זֵיי זָאלִין דָאס אִיר צוּלִיבּ טָאן אוּן זֵיי זָאלִין אִים אַוֶועק לָאזִין. וָוארִין פַארְוָואס קוּמְט אִים מִיתָה.

**אוּן זִי הָאט זֵיי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין** אַז זֵיי זָאלִין נֶעמֶען אֵיין אַנְדֶערְן שָׁבוּי וָואס עֶר אִיז חַיָּיב מִיתָה אוּן זֵיי זָאלִין אִים אַרַיין וַוארְפְן אִין יַם. אוּן דֶעם בָּחוּר זָאלִין זֵיי לָאזִין. הָאט זִי דָאס בַּיי זֵיי גִיפּוּעֶלְט. הָאבִּין זֵיי אִיר גִישְׁווּאוֹירִין אַז זֵיי זָאלְין אִים לָאזִין.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אַזוֹי גִיטָאן**. אוּן זֵיי הָאבִּין גִינוּמֶען אֵיין אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ אוּן הָאבִּין אִים אַרַיין גִיוָוארְפִין אִין יַם אַרַיין. אוּן אִים הָאבִּין זֵיי גִילָאזְט. אוּן הָאבִּין אִים גִיזָאגְט. גֵיי גֵיי אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן דֶער בָּחוּר אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַ בַּר דַעַת אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**אוּן פַאר דֶעם** דְהַיְינוּ פְּרִיר אֵיי דֶער בָחוּר אִיז אַוֶועק אִיז גִיגַאנְגֶען דִי קֵיסֶרְטֶע. אוּן הָאט גִירוּפְן אִיר טָאכְטֶער אוּן זִי הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גִיזָאגְט. מַיין טָאכְטֶער. זָאלְסְט וִויסִין אַז **דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן עֶר אִיז דַיין חָתְן**.

**אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט גָאר דִי מַעֲשֶׂה** וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גִיטָאן. אוּן וִוי דֶער בֶּערְגֶער הָאט זִיךְ **מוֹסֵר נֶפֶשׁ גִיוֶוען פוּן מַיינֶעט וֶועגִין**. אוּן עֶר אִיז מִיט מִיר גִיוֶוען אִין דִי זִיבִּין עֶרְטֶער (דְהַיְינוּ אִין דִי זִיבִּין עֶרְלֵיי וַואסֶעִרין) אוּן אִיךְ הָאבּ אִים אַלֶע מָאל גִישְׁווּאוֹירִין בַּיי גָאט אַז גָאר מַיין גוּטְץ **זָאל פוּן אִים נִיט זַיין פַארְמִיטִין**. אוּן אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען דִי זִיבִּין עֶרְטֶער צוּ **עֵדוּת** (דְהַיְינוּ דֶעם גְרוּבּ אוּן דִי מִקְוֶה אוּן דִי אַלֶע אִיבְּרִיקֶע זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערִין)

**בְּכֵן הַיינְט**. בִּיסְטוּ זִיךְ גָאר מַיין גוּטְץ אוּן גָאר מַיין מַזְל אוּן מַיין גְלִיק. בִּיסְטוּ בְּוַודַאי זַיין. אוּן זַיין זוּן עֶר אִיז דַיין חָתְן. אוּן דַיין טַאטֶע מַחְמַת זַיין **גַדְלוּת** וִויל עֶר אִים הַרְגֶענֶען אוּמְזִיסְט. אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין מִשְׁתַּדֵל גִיוֶוען אִים מַצִיל צוּ זַיין. אוּן אִיךְ הָאבּ גִיפּוּעֶלְט אַז מְזָאל אִים לָאזִין. **עַל כֵּן**. זָאלְסְטוּ וִויסִין אַז עֶר אִיז דַיין חָתְן (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן) אוּן דוּ זָאלְסְט נִיט וֶועלִין קֵיין שׁוּם אַנְדֶערִין חָתְן אִין דֶער וֶועלְט.

**הָאט דִי טָאכְטֶער צוּ גִינוּמֶען דֶער מוּטֶערְס רֵייד**. וָוארְן זִי אִיז אוֹיךְ גִיוֶוען **אַ יִרְאַת שָׁמַיִם**. אוּן זִי הָאט גִיעֶנְפֶערְט דֶער מוּטֶער. אַז זִי וֶועט בְּוַודַאי הַאלְטְן אִירֶע רֵייד.

**אִיז גִיגַאנְגֶען דִי טָאכְטֶער**. אוּן הָאט גִישִׁיקְט **אַ כְּתַב** צוּם דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִין דֶער תְּפִיסָה אַרַיין. אַז זִי הַאלְט זִיךְ אִין אִים. אוּן **עֶר אִיז אִיר חָתְן**. אוּן זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט אַזוֹי וִוי **אַ שְׁטִיק לַאנְד קַארְט**. אוּן זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיס גִימָאלְט **אַלֶע עֶרְטֶער** וָואס דִי מוּטֶער אִירֶע הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט זַיין פָּאטֶער. וָואס זֵיי זֶענֶען **דִי זִיבִּין עֵדוּת**. דְהַיְינוּ **דֶער גְרוּבּ** אוּן **דִי מִקְוֶה** אוּן **דִי אִיבְּרִיקֶע** כַּנַ"ל. דְהַיְינוּ זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיס גִימָאלְט אַזוֹי וִוי **אַ גְרוּבּ** אוּן אַזוֹי וִוי **אַ מִקְוֶה** אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע **זִיבִּין אִירְלֵיי וַואסֶערְן. אוּן זִי הָאט אִים זֵייעֶר**

**אָנְגִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל דָאס כְּתַב זַייעֶר הִיטִין. אוּן זִי הָאט זִיךְ אוּנְטְן אוּנְטֶער גְחַתְמֶ'ט.**

**דֶערְנָאךְ אִיז** אַזוֹי גִיוֶוען כַּנַ"ל. דִי מְמוּנִים הָאבִּין גִינוּמֶען אֵיין אַנְדֶערִין מֶענְטְשְׁן. אוּן אִים הָאבְּן זֵיי גִילָאזְט. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם יַם. הָאט עֶר זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף אֵיין שִׁיף אוּן אִיז אַוֶועק אוֹיף דֶעם יַם.

**אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוֹרֶעם וִוינְט.** אוּן הָאט אַוֶועק גִיטְרָאגִין דִי שִׁיף צוּ אֵיין בָּארְטִין וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר (דְהַיְינוּ וִויסְט) אוּן מַחְמַת דֶעם גְרוֹיסִין אִימְפֶּעט אִיז דִי שִׁיף צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין נָאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער שִׁיף זֶענֶען **נִיצוֹל גִיוָוארִין** אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה.

**אוּן דָארְט** אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר זֶענֶען דִי מֶענְשִׁין פוּן דֶער שִׁיף גִיגַאנְגֶען זִיךְ זוּכִין עֶפֶּעס עֶסִין. אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ גִיזוּכְט עֶפֶּעס עֶסִין. וָוארִין אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז נִיט גִיוֶוען דֶער סֵדֶר אַז דִי שִׁיפִין זָאלִין אַהִין אָנְקוּמֶען. וָוארִין סֶע אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִירֶעכְט דָארְט אַז סֶע זָאל עֶפֶּעס אַ שִׁיף אָנְקוּמֶען אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּמְקֶערִין אַהֵיים.

**זֶענֶען זֵיי דָארְט גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר** זִיךְ זוּכִין עֶסִין. אוּן זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין אַהִין אוּן אַהֶער אִיטְלִיכֶער בַּאזוּנְדֶער.

**אִיז דֶער בָּחוּר גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר.** אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם בָּארְטְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוּמְקֶערְן. אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט. אוּן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוּם קֶערִין אִיז עֶר אַלְץ **מֶער דֶערְוַוייטֶערְט גִיוָוארִין.**

**בִּיז עֶר** הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶר קָאן זִיךְ שׁוֹין נִיט אוּמְקֶערִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען. אִין דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אִין דֶער הַאנְט אַ בּוֹיגִין וָואס עֶר הָאט זִיךְ מַצִיל גִיוֶוען אַ קֶעגִין דִי חַיוֹת רָעוֹת פוּן דֶער מִדְבָּר.

**אוּן וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען.** הָאט עֶר זִיךְ דָארְט גִיפוּנֶען עֶפֶּעס עֶסְן. **אוּן עֶר אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען** בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אַ לֵיידִיק אָרְט. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען **וַואסֶער** אוּן בֵּיימֶער אַרוּם פוּן **פֵּירוֹת.** אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסְן פוּן **דִי פֵּירוֹת** אוּן הָאט גִיטְרוּנְקֶען פוּן **דֶעם וַואסֶער.**

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען** אִין דֶער דֵיעָה. אַז עֶר זָאל **דָארְט אַוֶועק זִיצְן** וַוייל עֶר **וֶועט לֶעבְּן.** וָוארן בְּלוֹיז אִיז זִיךְ אִים שׁוֹין שְׁוֶוער אוּם צוּ קֶערְן זִיךְ אִין יִשׁוּב אַרַיין. **אוּן וֶוער וַוייסְט** צוּ עֶר וֶועט נָאךְ קוּמֶען צוּ אַזוֹי אֵיין אָרְט. אַז עֶר **וֶועט דָאס אָרְט אַוֶועק לָאזְן.** אוּן וֶועט פוּן דַאנֶעט אַוֶועק גֵיין.

**אִיבֶּער דֶעם** הָאט עֶר גְעוָואלְט דָארְט אַוֶועק זִיצְן. אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבְּן דִי וֶועלְט. וָוארְן סֶע אִיז אִים דָארְט גוּט גִיוֶוען. וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ גִיהַאט דִי פֵּירוֹת צוּ עֶסְן. אוּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען.

**אוּן אַמָאל** פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֵיין אוּן פְלֶעגְט זִיךְ שִׁיסְן מִיט זַיין בּוֹיגְן אַ הָאז אָדֶער אַ הֶערְשׁ הָאט עֶר גִיהַאט פְלֵייש צוּ עֶסְן.

**אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט** חַאפְּן פִישׁ וָוארְן דָארְט אִיז גִיוֶוען זַייעֶר גוּטֶע פִישׁ אִין דֶעם וַואסֶער. אִיז אִים גִיפֶעלְן אַז עֶר זָאל דָארְט **אִיבֶּער לֶעבְּן זַיינֶע יָארְן.**

נאמען:__________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (4)

**א. צום סוף איז געלונגען פאר'ן קיסר אויסצופירן די פלאן מיט'ן זון פונעם בערגיר?**
- ❑ ניין.
- ❑ אים צו מעביר זיין יא, אים צו ארים מאכן נישט.
- ❑ ער האט אים סיי ארים געמאכט און סיי מעביר געווען.

**ב. וואס האט פארציילט די ווייב פון ארימאן פאר איר טאכטער?**
- ❑ איר גאנצע מעשה און ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר איר
- ❑ די שבועה וואס זי האט געשווארן אז איר גאנצע גוטץ זאל נישט זיין פארמיטן פון אים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. די ווייב פון ארימאן האט געזאגט פאר איר טאכטער אז דער טאטע וויל הרג'נען דעם זוהן פון בערגיר, פארוואס?**
- ❑ ווייל ער האט אים פיינט
- ❑ וועגן זיין גדלות
- ❑ וועגן זיין שלעכטיקייט

**ד. און וואס האט זי אים געזאגט וועגן חתונה האבן?**
- ❑ זאלסט לכתחילה נאר חתונה האבן מיט'ן זוהן פון בערגיר
- ❑ מעגסט חתונה האבן מיט וועמען דו ווילסט
- ❑ דער זון פון בערגיר איז דיין חתן, און זאלסט נישט וועלן קיין אנדערן אויף דער וועלט

**ה. פארוואס האט די טאכטער אנגענומען די ווערטער פון איר מאמע?**
- ❑ ווייל זי האט געשפירט די אמת'דיקייט פון די ווערטער
- ❑ ווייל די מאמע איז געווען א יראת שמים
- ❑ וויל די טאכטער איז אויך געווען א יראת שמים

**ו. וואס האט די טאכטער אויסגעמאלעוועט אויף די כתב וואס זי האט געשיקט פאר'ן זוהן פון בערגיר?**
- ❑ אלע פלעצער וואו איר מאמע האט זיך באהאלטן מיט זיין טאטע
- ❑ די מדברות און וועלדער וואו זיי האבן זיך באהאלטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. צו וואו איז דער זון פון בערגיר אונגעקומען נאכן גיין אויפן ים?**
- ❑ צו א מדבר
- ❑ צו א ישוב
- ❑ צו א גרויסע מדינה

**ח. וויפיל צייט האט ער געטראכט דארט צו בלייבן?**
- ❑ אפאר יאר
- ❑ ווי לאנג ער לעבט
- ❑ ביז דער קעניג וועט אים זוכן

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

**ביי וועלכע נאך מעשה ווערט דערמאנט אז איינער איז געגאנגען אין מדבר?**

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**מיט וואספארא נישט גוטע מידה האט זיך דער ארימאן געפירט צום בערגיר? כפוית טובה**

**וועלכע דרגות האט מען ארויף גענומען דער ארימאן כדי די שרים זאלן קענען זיך משדך זיין מיט אים?**

רַייךְ גְיוָוארִין, דִינֶען בַּיים קֵיסֶר, אַ יֶעדְנִירַאל, אַ קֵיסֶר, אַ קֵיסֶר אִיבֶּער דֶער וֶועלְט.

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com